# משיחת ש״פ וישב תשל״ג

ד. כרגיל אויף צו שטעלן זיך אויף א פרש"י אין היינטיגער סדרה, איז דא וואס רש"י שטעלט זיך אויף פרק ל"ח פסוק י"ח אויף די ווערטער "חותמך ופתילך", און ער שטעלט זיך אויף דעם און ברייגנט א גאנצע אריכות;

ער ברייגנט ערשט וואס דער תרגום טייטשט אפ אויף דעם, און דערנאך טייטשט ער דאס אויס וזה לשון: חתמך ופתילך - עזקתך ושושיפך, טבעת שאתה חותם בה ושמלתך שאתה מתכסה בה". און מען לערנט דאס אזוי א דורך אן קיין שוועריקייט, וואס לכאורה איז אינגאנצען נישט פארשטאנדיק נאך וואס דארף דא רש"י איינלערנען א גאנצע אריכות מען קאל לערנען דער פסוק גאר עפ"י פשוטו:

א) בשעת דער פסוק זאגט דא "חותמך", בפשטות לערנט מען, זיין שטעמפעל, קומט צו גיין רש"י און זאגט אז דאס איז נישט סתם א שטעמפעל, נאר דאס איז אזא חותם וואס גייט מיט א טבעת, וואס לכאורה נאך וואס דארף רש"י צולייגען דא אז דאס איז געווען אזא חותם וואס ליגט אויף א טבעת, אין פסוק שטייט גארנישט וועגען א טבעת, עס שטייט נאר "חותמך", איז פארוואס לערנט ער נישט כפשוטו - א שטעמפעל ?

ב) דערנאך דארף מען פארשטיין נאך וואס ברייגנט רש"י אראפ פון תרגום, נאר מען וועט זאגן אז ער ברייגנט עס בכדי צו ברייגען א ראי' צו זיין פי' איז הא גופא צריך ביאור, נאך וואס דארף רש"י אזוי לערנען ?

דערנאך זאגט רש"י ושמלתך שאתה מתכסה בה, וואס בפשטות קומט רש"י אפטייטשען אז פתילתך מיינט א שמלה, וואס דא דארף מען פארשטיין:

ג) פארוואס דארף רש"י אנקומען מפרש זיין אז פתילתך מיינט דא שמלה, בשעת מען געפינט דאך אין תנ"ך וואס דארטן טייטשט ער אפ אויף פתילך אז דאס איז אן אזור, במילא היות אז עס ווערט דערמאנט אז פתילך מיינט אן אזור איז נאך וואס דארף רש"י אויפטאן א נייעם ענין אז דאס מיינט גאר א שמלה,

ואפי' מען וואלט געזאגט אז דאס וואס רש"י ברייגנט נישט דעם טייטשט ווי עס אין יחזקאל, איז דאס ווייל דער קינד האט נאך נישט געלערנט יחזקאל, אבער רש"י, וואס ער זאגט דעם פי' ווייסט דאך יא פון דעם פסוק, איז פארוואס דארף ער איינלערנען א נייעם ענין אז דאס איז א שמלה, ער האט געקאנט לערנן כפשוטו, אז דאס איז געווען אן אזור ?

און לפי זה וואלט ער אויך אראפגענומען די אלע שאלות וואס מען פרעגט היתכן אז יהודה האט אויסגעטאן זיין בגד, און בלייבן אן א בגד, בשעת מען לערנט אז עס איז געווען א אזור איז עס קיין קשיא נישט !

און דאס וואס רש"י לערנט נישט ווי דער רמב'ן אז עס איז געווען ציצית, קאן



הנחה פרטית בלתי מוגה

מען אויך נישט זאגן, ווארום דער קינד, ווייסט דאך נאך נישט וועגען ציצית, ווארום דאס שטייט ערשט ווייטער, און אפי' ער ווייסט נישט אז יהודה איז געגאנגען מיט ציצית, און בכלל לייגט זיך נישט צו זאגן אז תמר האט געבעטן פאר די ציצית וואס זיינען אויף דעם בגד, זי האט דאך געוואלט בעיקר האבן דעם בגד, דעריבער קאן רש"י נישט לערנען ווי דער רמב"ן, אבער מען דארף נאך פארשטיין פארוואס לערנט ער אז דאס איז געווען א בגד ?

ד) דערנאך דארף מען פארשטיין דאס וואס רש"י איז מסיים "שאתה מתכסה", וואס איז נוגע צי ער איז יא מתכסה אדער נישט, רש"י האט געקאנט זאגן ושמלתך, וואס איז אבער נוגע אז ער איז זיך מתכסה מיט דעם אדער נישט, ועד"ז דאס וואס ער זאגט פאר דעם - "טבעת שאתה חותם", וואס איז נוגע אז ער איז זיך חותם מיט דעם, רש"י דארף לכאורה נאר אפטייטשען וואס מיינט "עזקתך און שושיפך" אבער נאך וואס דארף ער צולייגן "אתה חותם" "אתם מתכסה" ?

און די אלע מפרשים וואס ווילן פארענטפערן גייען זיי בעיקר על דרך הרמז עדער ע"ד הדרש און סוד, אבער זיי זיינען נישט מבאר דעם ענין ווי עס איז ע"ד הפשט, און רש"י וואס ענינו איז מבאר זיין ע"ד הפשט, דארף מען דאס מבאר זיין ווי עס איז ע"ד הפשט וכפי שיתבאר לקמן.

* * *

ה. בנוגע די הערות פון טאטען אויף דעם זוהר פון היינטיגער פרשה, איז דא וואס ער שטעלט זיך אויף דעם וואס עס ברייננגט זיך אין זוהר בנוגע ללימוד התורה, אז דער וואס איז אשתדל באורייתא להוי' לי' חיים בעלמא דין ובעלמא דאתי וזכי בתרין עלמין,

שטעלט ער זיך אויפן דיוק, וואס ערשט זאגט ער עלמא דין ודאתי, וואס איז שוין צוויי עולמות, איז נאך וואס פירט ער אויס נאך אמאל תרין עלמין ?

און איז מבאר, אז ערשט זאגט ער אז בכללות זיינען דא צוויי עולמות עלמא דין און עלמא דאתי, דערנאך לייגט ער אבער צו תרין עלמין, ד.ה. אז אין יעדער עולם גופא איז דא פראנען צוויי עולמות, און איז מבאר ווייל עלמא דין איז דאך געווארן פון דער ה"א אחרונה, און מלאו איז אויך א ה"א, דעריבער איז דא צוויי ההי"ן, ועד"ז עלמא דאתי איז פונעם ה"א ראשונה און מלואו איז אויך א ה"א, דעריבער איז צוויי דרגות אין יעדער עולם לעצמו,

דא איז געבליבן צו פארשטיין דעם דיוק וואס ער זאגט דא "אשתדל", נאך וואס דארף ער דא אנקומען צום ענין פון "אשתדל" ?

און ווי ער אליין איז מבאר אין א אנדער ארט אז עס איז דא אן אויפטו פון אשתדל אויף עסק סתם, דארף מען פארשטיין פארוואס דוקא בנוגע דעם ענין זאגט ער דעם לשון "אשתדל" ?

אומקערן זיך צו פירש"י: דער ביאור אין דעם עכ"פ איז:

דאס וואס רש"י דארף דא צולייגען דעם ווארט טבעת, איז עס ווארום בכלל רעדט זיך דא אין דער פרשה וועגן דעם אז "ויעל יהודה לגזוז את צאנו", און ער האט בכלל נישט געהאט אינזינען דער גאנצע מעשה, איז במילא בשעת מען גייט שערן די וואל, וואס ברייננגט מען דארטן - א שערל, און נאך אנדערע ענינים וואס האבן צו דעם, אבער ברייננגען יעמולט א שטעמפעל איז אינגאנצען אפגעפרעגט, ווארום א שטעמפעל דארף מען האבן בשעת מען גייט חתמ'נען אויף שטרות יעמולט ברייננגט מען מיט א שטעמפעל, אבער בשעת איינער גייט שערן וואל, ברייננגט ער נישט מיט קיין שטעמפעל,

דעריבער קאן רש"י נישט לערנען כפשוטו אז חותמך מיינט דא א שטעמפעל, ווארום ווי קומט צו יהודה מיט אמאל מיט נעמען א שטעמפעל, דעריבער מוז רש"י לערנען אז עס איז געווען א טבעת, וואו טראגט מען א טבעת - איז עס אופן פינגערל, און דאס טראגט מען מיט זיך אומעטאום, אפי' בשעת מען גייט שערן וואל, אבער דא לייגט גלייך צו וואס פאר א טבעת איז עס געווען א טבעת וואס האט אויף זיך א שטעמפל, און דאס וואס דער פסוק זאגט נישט א טבעת פון א חתימה, נאר חותמך אליין, ווארום דער פסוק וויל בעיקר ארויסברייננגען אז עס איז געווען א חותם, און רש"י טייטשט אויס וואס פאר א חותם אויף א טבעת,

פארוואס וויל דער פסוק נישט זאגן סתם אז דאס איז געווען א טבעת, און א חותם, וואס איז נוגע צי עס האט געהאט א חותם צי נישט ?

נאר דער ביאור אין דעם איז, ווארום דער גאנצער ענין וואס תמר האט געוואלט דוקא די דריי ענינים, איז עס געווען אלץ נעמען א משכון, און וואס נעמט מען פאר א משכון, איז עס אזא ענין וואס דורך דעם האט מען אים אין האנט, און יעדער דארף עס האבן, דעריבער איז ער פארזיכערט אז ער וועט צוריק קומען און אפגעבען וואס ער דארף, און אויב מען וואלט צוגענומען סתם א זאך וואס ער דארף נישט אזוי שטארק יעמולט האט יענער א ברירא קריגען אן אנדערע זאך און נישט דארפן אנקומען צוריק נעמען זיין ענין,

עד"ז האט תמר געוואלט צונעמען אזא ענין פון יהודה וואס ער וועט זיכער צוריק קומען און אפנעמען עס, דעריבער זאגט דער פסוק אז וואס פאר א טבעת איז עס געווען, נישט סתם א טבעת, נאר אזא טבעת וואס האט אויף זיך זיין חותם, ווארום אויב עס וואלט געווען סתם א טבעת, וואלט זי נישט געווען פארזיכערט אז יהודא וועט צוריק קומען און דאס אפנעמען, ווארום יהודה קאן גיין און קויפן א אנדערע טבעת, דעריבער האט זי גענומען אזא טבעת וואס האט געהאט אויף זיך זיין חותם וואס יעמולט א) היות דאס איז זיין חותם וועט ער וועלען בדוקא צוריק נעמען דאס, ווארום דאס קאן מען נישט סתם קויפען, ב) יהודה וואלט מורא געהאט איבער לאזן זיין חותם ביי תמר, ווארום דערווייללע קאן זי גיין און אפ'חתמ'נען כמה וכמה שטרות אויף יהודא'ס נאמען, און קאן אפטאן איך וויס וויפיל נישט, ובפרט אז "ויחשבה לזונה" אז זי איז נישט קיין ערלכע מענטש, וואלט ער זיכער חושד געווען אז זי וועט אפטאן כמה ענינים, דעריבער האט זי גענומען דוקא אזא טבעת וואס האט אויף זיך א חותם בכדי יהודה זאל צוריק קומען,

במילא לפי זה דארף מען אויך זאגן בנוגע פתילך, אז וואס פאר א ענין איז דאס געווען נישט סתם א ענין וואס יהודא קאן קריגן א צווייטע נאר אזא פתיל וואס יהודה דארף עס האבן,

דעריבער זאגט רש"י אז וואס איז געווען דער פתיל נישט סתם א גארטעל, ווארום א גארטעל האט נישט מיט זיך אזא חשיבות וואס זאל מאכן אז יהודה זאל צוריק קומען צו תמר, ווארום מען קאן גיין א ווייללע אן א גארטעל און דערנאך קאן ער קויפן א צווייטן גארטל, במילא איז עס נישט אזא שטארקע משכון, דעריבער לערנט רש"י אז דאס איז נישט געווען א גארטעל נאר א שמלה - א בגד, און וואס פאר א בגד, אזא בגד וואס מען דעקט זיך צו און נישט סתם דאס וואס ער דעקט אים צו נאר אזא בגד וואס ווייזט ארויס זיין חשיבות,

ע"ד ווי ער זאגט נאך דעם "מטך", וואס דער מטה איז אזא זאך וואס מיט דעם ווייזט ער ארויס זיין גבורה ושררה, עד"ז דער בגד וואס ער איז געגאנגען, איז עס נישט געווען סתם א בגד, נאר אזא בגד וואס האט ארויסגעווייזען זיין גדלות, ובפרט יהודה וואס ער איז געווען דער מלך פון די שבטים איז ער געגאנגען אנגעטאן מיט א בגד חשוב נוסף אויף אלע זיינע בגדים, וואס אזוי איז דער דרך אז עס איז דא די בגדים וואס מען גייט מיט זיי יעדער איינער, און דערנאך איז די בגדים וואס

אנשים גדולים גיין נוסף אויף די געוויינטליכע בגדים, וואס דאס ווייזט ארויס זיין חשיבות, און דאס איז דער בגד וואס תמר האט געוואלט פון יהודה,

וואס מיט דעם ווערט גלייך פארענטפערט די שאלה וואס דער רמב"ן פרעגט היתכן ווי האט תמר געקאנט אוועק נעמען פון יהודה זיין בגד ער וועט דאך בלייבן אן א בגד ?

אבער ווי רש"י לערנט אז דאס איז נישט געווען סתם א בגד, נאר א בגד חשוב און ווי ער לייגט צו דעם ווארט "שאתה מתכסה בה", וואס דער פי' אין מתכסה איז נישט ווי די מלמדים מאכן א טעות אז דאס איז מלשון כיסוי, נאר ווי דער פסוק זאגט גדילים תעשה לך על ארבע כנפות כסותך אשר תכסה בה וואס דער פי' פון תכסה מיינט נישט סתם צודעקען, נאר אז דאס איז א בגד וואס ווערט אנגעטאן אויפן מענטשן און גיט צו אים א חשיבות, במילא איז דא רעדט מען נישט וועגען דער בגד וואס דעקט צו סתם, נאר דער בגד וואס גיט צו חשיבות, איז פארענטפערט די שאלה פון רמב'ן, אז ער געבליבן אן א בגד, ווארום דא רעדט זיך ניט וועגען דעם בגד הרגיל וואס יעדער איינער גייט נאר וועגען א בגד מיוחד, אויף די געוויינטליכע בגדים, און דאס האט תמר צוגענומען,

.דערנאך קאן מען זאגן נאך אן ענין אין דעם וואס רש"י זאגט דא דעם לשון "אשר תתכסה בה", זאגט ער דאך בלשון עתיד מיט וואס ער וועט זיך מכסה זיין, במילא קומט אויס אז יענעם בגד האט ער נישט געהאט אויף זיך נאר געהאלטען ביי זיך אויף זיין זאנט, ווארום היות בשעת מען גייט שערן וואל דארף דאס נעמען א געוויסן זמן, נישט סתם א קורצע ווילע, במילא בשעת ער גייט דאס טאן נעמט ער מיט זיך נאך כמה בגדים, און אט די בגדים האט ער אפגעגעבען צו תמר, דעריבער זאגט רש"י דעם לשון תתכסה, וואס איז א לשון דאס וואס ער וועט לעתיד אנטאן,

וואס מיט דעם ווערט אויך פארשטאנדיק דער לשון וואס רש"י ברייגגט "שמלתך", וואס לכאורה דעם לשון שמלה וועט דער קינד ערשט לערנען אין משפטים און תצא, משא"כ אבער דעם לשון בגד ווייסט פאר דעם, איז פארוואס זאגט ער דוקא דעם לשון שמלה ?

נאר כנ"ל, ווייל רש"י וויל דא בעיקר ארויסברייגגען דעם ענין אז דאס איז נישט געווען סתם א בגד פון יהודה, נאר אזא בגד וואס האט ארויסגעוויזן זיין חשיבות, דעריבער זאגט ער שמלה וואס שמלה מיינט מער א ענין פון א לבוש וואס מען טוט אן, משא"כ אבער בגד קאן אויך מיינען א גארטעל, און ווי ס'שטייט ביי די בגדי כהונה אויף מצנפת און אבנט, שטייט דעם לשון בגד, במילא פון בגד אליין וואלט מען געזאגט אז ער איז נישט אזא בגד וואס איז פארבונדן מיט יהודה משא"כ שמלה באווייזט מער אז דאס איז געווען א בגד חשוב וואס האט ארויסגעוויזן זיין חשיבות ע"ד ווי חותמך און מטך,

עס איז אבער נאך געבליבן צו פארשטיין דעם לשון וואס רש"י טייטשט אפ אז "פתיל", מיינט דא א שמלה, וואס אין פשטות הכתובים זעט מען נישט אז פתיל זאל מיינען א שמלה; אדער דאס מיינט א פאדעם מלשון פתיל תכלת, אדער ווי עס ברייגגט זיך אין נ"ך אז דאס איז א גארטעל, אבער וואו זעט מען אז פתיל קאן אויך מיינען א שמלה ?

מוז מען זאגן אז רש"י האט ערגעץ וואו א פסוק אז פתיל מיינט אויך א שמלה וכפי שיתבאר לקמן,

ו. בנוגע דעם זוהר, איז דער ביאור אין דעם:

ובהקדם, וואס בדרך כלל געפינט מען צוויי חלוקות, תורה ומצות, און דערנאך - עניני רשות. און בפרטיות יותר די צוויי חלוקות פון תורה און מצות, וואס די צוויי ענינים נעמען זיך פון שם ה', איז דא זאגט מען אז אין יעדער איינער גופא איז דא פאראנען צוויי ענינים, אין תורה איז דא צוויי ענינים, און אין מצות איז דא צוויי ענינים,

איז בכדי מען זאל קאנען האבן די צוויי ענינים וואס עס איז דא אין יעדער איינעם פון דעם, דארף זיין דערצו דער ענין פון "אשתדל", ווארום מצד עוסק בתורה אליין קאן מען נישט צוקומען צו די צוויי ענינים, עלמא הדין און עלמא דאתי, דערנאך זאגט ער אז עס איז דא תרין עלמין, און ווי דער טאטע איז מבאר אז דאס איז צוויי דרגות אין יעדער איינער, איז ווי קאן מען צוקומען צו דעם איז דאס דוקא דורך דעם וואס עס איז דא דער אשתדל באורייתא, און דאס איז מצד דעם וואס מען געפינט אז אין שם הוי' איז אויך דא די צוויי ענינים, אין ידער אות בפ"ע, ווארום אין דער ה"א ראשונה איז דא צוויי אותיות, ועד"ז אין דער ה"א אחרונה איז דא צוויי אותיות, וואס דאס איז וואס אין יעדער איינער גופא איז דא תרין עלמין.

בנוגע דער רש"י, וואו נעמט רש"י זיין טייטשט אז פתיל קאן אויך מיינען א שמלה ?

און דאס איז וואס, רש"י טייטשט אפ ווייטער אין חוקת אויף צמיד פתיל עליו, אז פתיל מיינט דער וואס עס איז מחובר צום כלי, במילא זעט מען פון דעם אז פתיל מיינט דער ענין החבור וואס דאס איז כללות ענין השמלה,

איי ווערט דאך די שאלה, אז דער קינד האט נאך נישט געלערנט קיין חוקת איז ווי ווייסט ער דאס ?

נאר באמת'ן רש"י האט דאס שוין באווארנט פריער נאך, און דאס איז וואס רש"י איז מפרש אויף נפתלי, אז דאס איז מלשון פתיל, דער ענין החבור, נתחברתי עם אחותי, אז דאס איז דער ענין החבור,

ועד"ז בנוגע לענינינו דער ענין השמלה, דאס איז וואס עס איז מחובר צו אים, און ברייגנגט ארויס זיין ענין, וואס דאס ע"ד ווי ער זאגט חותמך ומטך, וואס זייער ענין איז דאך וואס דאס איז מטך דער מטה פון יהודה, וואס דאס האט באוויזען אויף זיין גרויסקייט, עד"ז זאגט ער פתילך, אז דאס איז מחובר צו אים, דאס ברייגנגט ארויס זיין ענין, במילא איז דאס אן ערבון וואס מאכט אז יהודה דארף אנקומען דערצו, וואס דאס איז בהמשך צו דעם וואס מען האט גערעדט פריער וואס רש"י איז דא מדייק מתכסה, אז דער טייטשט פון מתכסה מיינט נישט ווי די מלמדים לערנען אז דאס איז מלשון כיסוי צודעקען, נאר בעיקר מלשון צוגעבונדן צו אים און פאראייגציקט מיט אים, און ברייגנגט ארויס זיין ענין,

אין "ליגה של תורה", איז דער ענין פון תמר - מלכות, און חותמך איז יסוד, סיומא דגופא, פתילך - נצח, און מטך - איז גבורה, און דא האט תמר געוואלט אויפטאן דעם בנין המלכות, דעריבער האט זי געבטען די ענינים,

און דורך דעם וואס ער איז געווען די ענינים, האט דאס צוגעפירט אז נולד פרץ וואס ער איז משיח (חסר הסיום)

אחר תפלת המנחה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ואני אבטח בך)

משיחת ש״פ וישב תשט״ו

בס"ד, שיחת ש"פ וישב, מבה"ח טבת, תשמ"ו.



א. וועגען דעם חותם וואס יודא האט געגעבן צו תמר'ן, שטייט אין רבותינו בעלי התוספות, אז מיט דעם חותם, ד.ה. א טבעת שיש בו חותם, האט ער איהר מקדש געווען. און אזוי ווי א תלמיד חכם גייט דאך שטענדיק מיט צוויי מענטשן, זיינען געווען צוויי עדות, ובמילא איז דאס געווען א גוטע קדושין.

אין ים של שלמה בסוף מס' בבא קמא, ברייננגט ער חלוקי מנהגים פון בבל מיט א"י, אויך איז פאראן געדרוקט א באזונדער קונטרס פון די אלע חלוקי מנהגים שבין בבל וא"י, איז איינע פון די חלוקי מנהגים איז אז בא"י איז מען מקדש מיט א טבעת. אין משנה שטייט דאך האשה נקנית בכסף, אדער בשוה כסף, אבער עס ווערט ניט דערמאנט קיין טבעת, אבער דער מהרש"ל ברייננגט אז דער מנהג בא"י, און אזוי איז אויך איצטער דער מנהג בכל תפוצות ישראל, אז מען איז מקדש בטבעת.

איז דער מקור אויף דעם מנהג איז פון קדושי תמר ויודא, וואס ער האט איהר מקדש געווען בטבעת. (אמר ג"כ איזה עניין בשם הת"ז בעניין קדושי טבעת, חסר).

אויף צו פארשטיין דעם עניין פון קדושין בטבעת דוקא, און פארוואס דאס ווערט נדמז אין תורה בקדושי יודא ותמר דוקא, דארף מען פריער מבאר זיין דעם עניין הטבעת, כדלהלן.

ב. אין די מאמרים וואס ס'איז מבואר די עניינים וואס מען האט גערעדט אין מאמר, וועגען הנהגה ניסית וטבעית, שמצד אור הממלא ואור הסובב, ברייננגט זיך דער מדרש אויפן פסוק ויכל אלקים ביום השביעי, הגם אז דער גמר הבריאה איז געווען ביום השישי, זאגט דער מדרש, מה הי' העולם חסר מנוחה, בא שבת בא מנוחה. נמצא אז בשבת איז געווען דער גמר שלימות הבריאה.

איז מבואר במאמרים הנ"ל, דער פירוש פון דעם, אז בששת ימי החול איז געווען די המשכה נאר פון דעם אור הממלא, ובשבת איז נמשך געווארן דער אור הסובב, און די שלימות איז ע"י אור הסובב דוקא. וואס אזוי איז אויך אין ביידע הנהגות, הנהגה טבעית והנהגה ניסית. איז די שלימות פון הנהגה טבעית שמצד אור הממלא, איז דורך די הנהגה ניסית שמצד אור הסובב דוקא. אז אין די טבע זאל נרגש ווערן דער למעלה מהטבע.

אזוי איז אויך אין עבודה, אז די שלימות העבודה שעפ"י טו"ד איז דורך די עבודה דמס"נ דוקא, וואס דאס איז משלים אויך

די עבודה שעפ"י טו"ד. וואס דערפאר איז אויך אין די המשכה וואס די עבודה טוהט אויף, איז דורך מס"נ ווערט נמשך הנהגה ניסית, וואס פועל'ט א שלימות אויך אין די הנהגה טבעית, כמבואר בהמאמר.

ג. אויף דעם וואס דער מדרש זאגט אז די מנוחה דשבת האט גע'פועל'ט די שלימות הבריאה, גיט דער מדרש א משל פון א מלך וואס האט געמאכט א טבעת, און אלץ איז שוין געווען פארטיק, עס האט נאר געפעלט א חותם, און דורך דעם חותם איז נשלם געווארן דער טבעת.

איז דער ביאור פון דעם משל איז: טבעת איז דער ענין הטבע, ווי מען האט גערעדט אין די פירושים וואס זיינען פאראן אין טבע, און חותם איז חותמו של הקב"ה אמת, דער ואמת הוי' לעולם, און נאך העכער פון הוי', כמבואר בהמאמר, איז די כוונה אז מען זאל ממשיך זיין דעם חותמו של הקב"ה אמת, אין דער טבעת, אין טבע, און דורך דעם דוקא איז די שלמות פון טבע.

דאס הייסט אז הגם די התהוות אליין איז דאך אויך געווען פון דעם אור הסובב דוקא, וכידוע אז דער עיקר ההתהוות איז פון דעם אור הסובב, אויך האט מען גערעדט אז די צורה שבנבדאים איז פון דעם אור הסובב, דאס איז אבער דער סובב ווי ער שטייט אין ממלא, די כוונה איז ממשיך זיין דעם אור הסובב כמו שהוא בעצמו, און אויך דאס - דעם סובב בעצמו - ממשיך זיין אין ממלא בגילוי.

ד. ועפי"ז יובן דער ענין פון קדושי טבעת און וואס דאס איז נרמז בקדושי יודא ותמר דוקא:

עס איז דאך ידוע אז בנשואין איז דער התגלות כח הא"ס בנבראים, בנין עדי עד בדור ישרים יבורך, וואס דאס איז מצד דעם אור הסובב דוקא, ווארום דער אור הממלא שבהתלבשות בהנבראים איז עד בהגבלה און דער ענין פון עדי עד איז דאס מצד סובב דוקא, דערפאר איז מען מקדש בטבעת וחותם, להמשיך אור הסובב בממלא.

און דערפאר ווערט עס אויך נרמז בקדושי יודא ותמר דוקא: דער תכלית הבריאה איז דאך ימות המשיח, וואס יעמולט וועט זיין דער יחוד סובב וממלא בגילוי, וואס צוליב דעם איז די גאנצע עבודה, דערפאר ווערט דאס מרומז בקדושי יודא ותמר דוקא, וואס פון דעם איז ארויסגעקומען דוד המלך ומלך המשיח.

ה. כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל דערציילט וועגן דעם אלטן רבי'נס מאמר אז ס'איז געווען דער ויקנאו בו אחיו, דאס מיינט